# א חסידישע מלוה מלכה

## מיט הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א
## מעשיות צדיקים מקוריים בטוב טעם ודעת

גליון ס"ג / סיפורי צדיקים יארצייטן השבוע / פרשת משפטים / שבט תשפ"ה

### גליון מיוחד ומורחב לכבוד יום חגינו
## הכנסת ספר תורתינו

אין די קומענדיגע טעג וועט מען מיטן אויבערשטנ'ס הילף זוכה זיין צו די געוואלדיגע שמחת התורה ביים הכנסת ספר תורתינו הק', ווען 'עליונים ששו ותחתונים עלזו', וואס קומט מיט אזויפיל קבלות טובות און גדרים וסייגים אין אלע עניינים פון קדושה, טהרה און צניעות, וואס אונז האבן די זכיה אזויפיל יארן צו הערן פונעם רבי'ן זאל זיין געזונט ווי ער מאנט אן אויפהער אז מ'זאל שטרעבן צו די 'קרבת אלקים לי טוב'.

### נאר די אידן זענען מוקף גבול און מצרים

מ'וועט אנפאנגען מיט א ווארט וואס איז א דבר בעתו. ס'איז באקאנט וואס דער הייליגער מאור עינים שמועסט אויס אנפאנג פר' שמות אויפן פסוק 'ואלה שמות בני ישראל', אז אלע אברים פון א איד זענען מרומז קעגן די שמות הקדושים, און ער רעכנט אויס צען אברים וואס זענען קעגן די שמות הקדושים. ער טייטשט מיט דעם 'ואלה שמות בני ישראל' - די אידישע קינדער זענען פול מיט שמות.

האבן צדיקים געפרעגט (איך מיין אז דער נועם אליעזר ז"ל פון סקולען), אז מ'זעט להבדיל אלף אלפי הבדלות אז די גוים האבן דאך אויך די אלע אברים? נאר די תירוץ איז, אז די הלכה איז ביי א ספר תורה, אז די אותיות דארפן זיין 'מוקף גבול', דאס מיינט אז יעדע אות דארף זיין ארומגענומען מיט קלף, און ס'זאל זיך נישט אנרירן איין אות צום אנדערן, אין דעם איז אויך מרומז אז נאר אונז אידן זענען מרומז אנטקעגן די שמות הקדושים פון די הייליגע תורה, ווייל מיר זענען 'מוקף גבול', ווייל מיר האבן די זהירות צו זיין אפגעהיטן צו האבן די אלע מצרים (גרעניצן) און די אלע גבולים, וואס דאס מיינט די אלע גדרים וסייגים.

דאס איז פשט 'ואלה שמות בני ישראל' - די שמות זענען נאר ביי די אידישע קינדער, פארוואס, ווייל 'הבאים מצרימה' - נאר די אידן האבן מְצָרים און גבולים, וועגן דעם זענען נאר אידן מרומז אין די שמות הקדושים.

וועט מען קודם דערציילן א סיפור ווענן קדושת ספר תורה און קדושת ישראל.

### אויסגעארבעט צו קדושת ספר תורה

ס'שטייט אין 'נר ישראל', אז ס'איז באקאנט אז דער רוזינער איז אנטלאפן פון רוסלאנד, ס'איז א לאנגע אריכות ביז ער איז אנגעקומען קיין סאדיגורא, ווען די רוסישע מלוכה האט אים נאכגעיאגט און געוואלט צוריקברענגען, און מיט ניסי נסים האט ער זיך ארויסגעדרייט. זיי זענען אבער געווען אזוי אויפגערעגט, אז זיי האבן גע'אסר'ט דעם רוזינער'ס גאנצע משפחה אז זיי טארן מער נישט ארייננקומען קיין רוסלאנד.

ווען ס'איז געווען די באקאנטע חאטינ'ער חתונה, וואס האט געהייסן 'די גרויסע חתונה'. דאס איז געווען די חתונה פון הרה"ק ר' איציק'ל באיאנער - דער 'פחד יצחק', א זון פונעם ערשטן סאדיגורער, וואס איז געווארן אן איידעם ביי הרה"ק ר' יוחנט'שע ראחמיסטריווקא'ר, און די חתונה איז געווען אין שטאט חאטין.




דער סאדיגורער - דער פאטער פונעם חתן - האט זיך בגניבה אריינגעכאפט אין רוסלאנד אויף די חתונה, און מ'האט אים פאר'מסר'ט. א טאג נאך דער חתונה איז געקומען א באפעל פון דער מלוכה פארן שר פון דעם גרעניץ [די שטאט האט געהייסן 'נעוועסעליטץ'], אז ער זאל פארשפארן דעם גרעניץ, און נישט דורכלאזן 'ראבינער פרידמאן' - דער סאדיגורער רבי. פארשטייט זיך אז די חסידים האבן געמאכט פראטעקציע און אים משחד געווען אז ער זאל זיך נישט וויסנדיג מאכן פון דעם טעלעגראם, ביז דער סאדיגורער וועט אנטלויפן פון דארט.

ער איז ב"ה דורכגעגאנגען דעם גרעניץ. ווען ער איז אנגעקומען צום שטאט וואו דער שר האט געוואוינט, איז געשטאנען אויפן

טעראסע דער שר צוזאמען מיט זיין ווייב, און ער האט דערציילט פאר זיין ווייב דעם סוד, די אלע נסים וואס געשעען יעצט פארן גרויסן ראבינער, און ער האט אויפן סאדיגורער אז דאס איז דער גרויסער רבי.

האט זיך אנגערופן די פרוי: "פאר אזא רבי איז טאקע אלעס געווען כדאי, אבער איין זאך איז א פלא, אזא גרויסער רבי ווי ער, זאל ארומפארן און ארומגיין אן קיין בייבל... (א תורה)?"

האט זיך אנגערופן דער פריץ: "איך וועל דיר עס מסביר זיין, אזא גרויסער רבי ווי ער, דארף נישט קיין בייבל, ווייל ער איז אליין די בייבל". דער גבאי האט געהייסן ר' משה דוד גוטמאן, ער האט געהערט דעם שמועס און עס פארשטאנען, האט ער עס איבערגעזאגט פארן סאדיגורער.

האט דער סאדיגורער געזאגט: "ער איז גערעכט! ס'שטייט אין פסוק 'והיתה עמו וקרא בו כל ימי חייו' - ער האט איינגעטייטשט 'אז מ'דארף זיך אזוי אויסארבעטן אז דער מענטש אליין דארף זיין א ספר תורה' [זע אין ספר עירין קדישין פרשת שופטים די גאנצע איינטייטש בשם אביו הרה"ק מרוזין זצ"ל].

## 'שהחיינו' אדער 'כלות הנפש...'

אין 'קובץ בית אהרן וישראל' שטייט: אמאל האט דער הייליגער בית אהרן אריינגעגעבן א ספר תורה, און ער איז געווען מורא'דיג בשמחה. צו דער הכנסת ספר תורה איז אויך געקומען א רב פונעם שטאט פינסק וואס איז געווען נעבן קארלין, ער האט געהייסן ר' מרדכי זאקיין.

פאר די הכנסת ספר תורה, האט דער בית אהרן אריינגערופן דעם ר' מרדכי, און אים געפרעגט צי ער קען מאכן א ברכת שהחיינו מיטן שם ומלכות צוליב די געוואלדיגע שמחה. האט דער רב גע'פסק'נט אז ער מעג.

די לומדים האבן זיך צוגעטשעפעט צום רב און געפרעגט: "וואו איז דער מקור צו אזא זאך?"

האט ער געענטפערט: "וואס הייסט, איך האב געזען ווי דאס הארץ פון דעם צדיק ברענט פאר דער מצוה, און ווען איך זאל נישט אזוי פסק'ענען, וואלט ער אן קיין שום ספק אנגעקומען צו כלות הנפש..."

דער בית אהרן האט געמאכט די ברכת שהחיינו, מיט אזא קול רעש גדול, אז מ'האט עס געהערט ביזן שטאט פינסק וואס איז געווארן אויפגעציטערט. האט זיך דער רב אנגערופן: "אויף אזא ברכה, וואלט קיין שום פוסק נישט חולק געווען אויף מיין פסק..."

שפעטער האט מען מכבד געווען דעם זון ר' אשר סטאלינער צו טאנצן, ער איז געווען אזוי בשמחה, אז ער האט געשפרונגען מיט אזא התלהבות, אז א זאָק איז אים אראפגעפאלן... מ'האט געזען בחוש התפשטות הגשמיות, און דער גאנצער עולם איז נתרגש געווארן פון די הייליגע עבודה.

## פייער בשעת'ן שרייבן

מיין ברודער ר' משה ע"ה האט געהערט פון אונזער פעטער הרה"ח ר' ישעי' אונגער משב"ק, אז דער רבי ז"ל האט דערציילט: אז ווען ר' אפרים סופר [א סופר ביים בעל שם טוב] האט געשריבן סופרות, האט אים א פייער פון הימל ארומגענומען. ר' הערש סופר [אויך א סופר פונעם בעל שם הק'] בשעת ער האט געשריבן, איז געווען צווי 'עמודי דנורא' פון זיינע צווי זייטן, און ווען הרה"ק ר' משה פשעווארסקער זצ"ל [בעל אור פני משה] האט געשריבן, זענען פונקען פייער ארויס פון די אותיות.

*

אויפן ספר 'אור פני משה' איז דא א הסכמה פון די קינדער פון הרה"ק ר"ר זושא זצ"ל. שרייבן זיי אזוי: זייער טאטע ר"ר זושא האט דערציילט, אז בשעת ער איז געגאנגען אין גלות, איז ער אנגעקומען איינמאל אויף פשעווארסק, און דארט וואו ער איז איינגעשטאנען איז אים נישט געפאלן די אכסניא, איז צוגעקומען צו אים א קליין קינד און געפרעגט: "איר ווילט האבן א גוטע אכסניא? איך וועל אייך צוואווייזן". דאס קינד האט אים צוגעוויזן צום אור פני משה.

האט ר"ר זושא געזאגט: "בשעת ר' משה פשעווארסקער האט געלערנט, איז זיין צורה געווען גלייך צו א מלאך ה' צבקות, און בשעת ער האט געשריבן זיין הייליגן ספר, 'להב יוצא מאותיותיו' - איז פלאמען ארויסגעגאנגען פון די הייליגע אותיות!"

## מרגיש קדושת היריעות

אין ספרן של צדיקים (מ'האט שוין דערמאנט כמה פעמים אז דער רבי ז"ל האט עס געקוקט אין שפיטאל) שטייט, אז אמאל איז דער אור פני משה געווען אויף שבת אונטערוועגס, אינמיטן שבת ווען ער האט זיך געזעצט צום טיש, האבן אים זיינע פיס ווײ-געטון, און ס'איז אים שווער געווען צו האלטן די פיס אויפן ערד, האט ער געבעטן מ'זאל אים ברענגען עפעס אונטערצולייגן אונטער זיינע פיס. האט מען אים געברענגט א קליין קעסטל. אזוויי ער האט אראפגעלייגט די פיס אויף דעם קעסטל האט ער געגעבן א ציטער, און גלייך אראפגענומען די פיס.

מ'איז נאכגעגאנגען וואס דא איז געשען, איז מען געוואויר געווארן, אז א שטיק צייט צוריק איז איינגעשטאנען דארט א סופר, און ער האט אריינגעלייגט אין דעם קעסטל אפאר יריעות פאר א שטיקל צייט, פון דעם איז געווארן א קדושה אז ער האט נישט געקענט אראפלייגן די פיס אויף דעם.

## געשריבן א ספר פופצן יאר

אינעם ספר 'מגדיל ישועות מלכו', פונעם בארנובער רב, ברענגט ער, אז ר' משה פשעווארסקער ווען ער איז שוין געווען אין די עלטערע יארן איז געווען אמאל ביי הרה"ק ר' מאטעלע נעשכיזער, האט אים ר' מאטעלע געבעטן ער זאל אים שרייבן א ספר תורה. ר' משה האט זיך דאס נישט געוואלט אונטערנעמען, און ער האט אויך נישט געוואלט זאגן קיין טעם פארוואס ער וויל נישט.

ווען ר' מאטעלע האט אים געמוטשעט ער זאל אים זאגן דעם טעם פארוואס ער וויל נישט שרייבן, האט ער געענטפערט: "וויבאלד ער איז שוין אין די עלטערע יארן, האט ער מורא אז אפשר וועט ער נישט קענען אליין ענדיגן שרייבן דעם ספר תורה, און אז א צווייטער זאל עס צוענדיגן וויל ער נישט, אויך וויל ער נישט אז זיין כתב זאל גיין אין גניזה, און אויב ער וועט בלייבן שטעקן אינמיטן וועט עס גיין אין גניזה...

האט ר' מאטעלע נישט געהאט קיין ברירה, און ער האט אים מבטיח געווען אז ער וועט אליין ענדיגן שרייבן דעם גאנצן ספר תורה. און ער האט זיך אונטערגענומען אז פאר יעדן עמוד וועט ער אים צאלן א גאלדענע רענדל. ר' משה פשעווארסקער האט אויסגעצויגן דאס שרייבן דעם ספר תורה אויף פופצן יאר.

## אראפגעקומען פארעכטן דעם ספר

נאך דערציילט דער בארנובער רב דארט, אז ער איז געווען אמאל אין פשעווארסק, און ער איז איינגעשטאנען ביים רב (ער שרייבט נישט ווער דער רב איז געווען), און דער רב האט אים דערציילט א פלא'דיגע זאך וואס בדידיה הוה עובדא: דארט אין פשעווארסק איז דא א ספר תורה וואס ר' משה פשעווארסקער האט געשריבן,

און דער רב האט זיך געפירט אז יעדן פרייטאג האט ער איבערגעקוקט דעם ספר תורה.

איין פרייטאג איז געווען א ברית מילה און ס'איז נישט געווען קיין צייט דאס מגיה צו זיין, און אין שבת ווען מ'האט ארויסגענומען דעם ספר תורה צו ליינען, און דער רב אליין איז געווען דער בעל קורא, האט מען געטראפן אין דעם ספר תורה א נגיעה [דאס הייסט, אז צוויי אותיות האבן זיך אנגערירט], און ע"פ הלכה טאר מען נישט ליינען אין דעם. דער רב האט זיך אבער נישט געוואלט פארלאזן אויף דעם אייגענעם דעת, האט ער עס געוויזן פאר אסאך מענטשן, און אלע האבן מסכים געווען אז מ'טאר נישט ליינען אין דעם, מ'דארף עס קודם פארעכטן.

דער גאנצער קהל און דער רב בראש האבן געבעטן מחילה פון דעם ספר תורה און פון ר' משה סופר, און מ'האט צוריקגעלייגט דעם ספר תורה אין ארון הקודש, און ארויסגענומען אן אנדערע ספר צו ליינען.

זונטאג צופרי איז דער רב געגאנגען מגיה זיין דעם ספר, אז ס'זאל נישט בלייבן אומפארראכטן. דער רב מיטן סופר האבן זיך גע'טובל'ט דאס צו קענען פארעכטן. נאכן ארויסנעמען דעם ספר תורה פון ארון הקודש האט מען אויפגעמישט, אבער מ'האט נישט געטראפן קיין שום נגיעה. אלע מענטשן וואס האבן עס נעכטן געזען האבן אנגעפאנגען זוכן, אבער מ'האט גארנישט געטראפן. האט מען פארשטאנען אז ר' משה איז אליין געקומען פון יענע וועלט און פארראכטן דעם ספר תורה.

## אן קיין איין טעות

נאך דערציילט דער בארנובער רב, אז ר' משה פשעווארסקער האט אמאל געשריבן א ספר תורה פאר איינעם, און ער האט יענעם מבטיח געווען אז ער וועט נישט טרעפן קיין איין טעות דערין.

דער בעל הבית פון דעם ספר תורה האט געזאגט אז ווער ס'וועט טרעפן א טעות וועט באקומען א גאלדענע רענדל פאר יעדן טעות. אפאר בעלי מגיהים זענען געקומען דאס איבערקוקן, אבער קיינער האט נישט געטראפן קיין טעות.

דער לעצטער וואס האט עס איבערגעקוקט איז געווען א מתנגד אויף חסידות, און ער האט נישט פארגינען אזא זאך אז א חסיד'ישער רבי שרייבט א ספר תורה און ער זאגט צו אז ס'איז נישט דא קיין איין טעות, און מ'טרעפט טאקע נישט, האט ער זיך בארימט אז ער וועט שוין טרעפן א טעות (ער האט נישט געגלייבט אין צדיקים). ווען ער איז אנגעקומען צוםווארט 'נגע צרעת כי תהיה באדם', האט ער געלייגט א טראפל טינט ביי די ג' פון די ווארט נג"ע, און פון די 'ג' איז געווארן א 'נ'. ער האט געוואלט מאכן געלט, און קענען אויפווייזן אז ער האט יא געטראפן א טעות, האט ער געוויזן פאר יעדעם דעם טעות.

דער בעל הבית פון דעם ספר תורה איז געלאפן צו ר' משה פשעווארסקער און געזאגט: "היתכן, דער רבי האט מיר דאך צוגעזאגט אז מ'וועט נישט טרעפן קיין שום טעות, און דא האט מען יא געטראפן עפעס". האט אים ר' משה געבעטן ער זאל אים ברענגען דעם מגיה - דער מתנגד.

דער מתנגד האט נישט מורא געהאט (זעט זיך אויס אז ער איז געווען א ריכטיגער מתנגד...), און ער האט איבערגעזאגט אז ער האט יא געטראפן דעם טעות... האט ר' משה אים געווארנט ער זאל זיך מודה זיין, ווייל טאמער נישט וועט נישט טויגן, און ער וועט באקומען דעם 'נגע' פון קאפ ביז פיס.

ער האט זיך אבער נישט דערשראקן, ער האט נישט מודה געווען, און ס'איז מקויים געווארן דאס וואס דער צדיק האט אנגעוואונטשן... רח"ל. ער האט באקומען א נגע פון קאפ ביז פיס...

## עזרא הסופר'ס ספר תורה

אין 'אוהב ישראל' פונעם אפטער רב אין די ליקוטים ביי די מגילה, שטייט אן ענליכע מעשה: אז אין די צייטן פון ר' שרירא גאון איז געווען א גרויסער עושר, וואס האט געהאט א ספר תורה וואס איז געווען בכתב ידו פון עזרא הסופר.

דער עושר האט געהאט צוויי זון, און נאך דער פטירה איז געווארן א גרויסער מחלוקת, יעדער האט מסכים געווען צו מוותר זיין אויף דאס גאנצע געלט, אבי צו האבן דעם ספר תורה.

מ'האט פארגעשלאגן די צוויי צדדים פאר א בית דין, און בי"ד האט געזאגט אז מ'זאל מאכן א גורל, איינער וועט האבן דעם ספר תורה און איינער די גאנצע פארמעגן. דער וואס האט געוואונען דעם ספר תורה האט פארשטייט זיך געהאט א מורא'דיגע שמחה, און דער צווייטער האט געהאט געוואלדיגע עגמות נפש, אפילו ער האט באקומען אסאך געלט, איז אים אבער דאס גאנצע געלט גארנישט ווערד געווען קעגן דעם הייליגן ספר תורה.

איז געווען אין שטאט עפעס א מומר, וואס ס'האט אים זייער וויי-געטון צו זען אז דער יורש האט אויפגעגעבן אזא הון רב צוליב דעם ספר תורה, האט ער געטון א רשעות'דיגע אקט, ער האט זיך פארשטעלט מיט אנדערע קליידער כדי מ'זאל אים נישט דערקענען. ער איז געגאנגען אין ביהמ"ד, זיך באהאלטן אין א ווינקל, און ווען יעדער איז אוועקגעגאנגען האט ער גענומען דעם ספר תורה. ער איז אנגעקומען צום פסוק 'ועבדתם את ה' אלקיכם וברך את לחמך ואת מימיך', האט דער רשע אויסגעמעקט דעם 'ע' פון 'עבדתם', און אנשטאט דעם געשריבן אן 'א'. ער האט רח"ל גע'פסל'ט דעם ספר תורה מיט א געוואלדיגע חירוף וגידוף. ער איז אוועקגעגאנגען אנדעם וואס איינער זאל וויסן דערפון.

ווען מ'איז געוואויר געווארן אז ס'איז א פסול'ע ספר תורה, האט דער יורש וואס האט באקומען דעם ספר תורה געהאט א געוואלדיגער צער, אזא טעות? ס'איז געגאנגען אזוי ווייט אז ער איז ל"ע קראנק געווארן פון דעם. אפילו מ'קען עס פארעכטן, אבער א ספר תורה פון עזרא הסופר וועט עס שוין נישט זיין.

איז דער טאטע געקומען אין חלום און פארציילט וויאזוי דאס איז געשען, און דער טאטע האט אים געזאגט: "גיי זוך אונטערן טיש, וועסטו טרעפן אן 'אויג' פון דעם מומר וואס האט עס געטון. עס איז אויף אים מקויים געווארן די פסוק 'עי"ן תחת עי"ן', וויבאלד ער האט אויסגעמעקט אן ע', איז אים ארויסגעפאלן זיין ע' - אויג...

אויך האט אים זיין טאטע געזאגט, אז דעם ספר תורה זאל קיינער נישט פארעכטן, ווייל אזוי איז ארויס א פסק דין אין בי"ד של מעלה, נאר עזרא הסופר אליין וועט קומען פארעכטן דעם ספר תורה. וכך הוה.

מיט דער מעשה האט ר' שרירא גאון פארענטפערט דעם לשון אין 'מגילת אסתר', המן האט געזאגט פאר אחשורוש: אם על המלך טוב יכתב 'לעבדם' - מיט אן 'ע', אז ער וויל ארבעטן מיט זיי און זיי נוצן פאר 'עבדים', און דערנאך ווען ער איז אוועקגעגאנגען פון אחשורוש מיט דעם בריוו, האט ער געטוישט דעם 'לעבדם' אויף אן 'א' - צו 'לאבדם' - מאכן פארלירן. דאס האט אחשורוש גע'טענה'ט שפעטער פאר אסתר: 'מי הוא זה ואיזה הוא', ווייל ער האט דאך פון גארנישט געוואוסט אז מ'וויל זיי הרג'ענען, ער האט נאר געוואוסט וועגן זיי מאכן פאר קנעכט.

## א נייער כתב לויט אלע שיטות

אונזער פעטער הרה"ג ר' יצחק שלמה אונגער זצ"ל פון בני ברק, האט דערציילט: אז דער גרויסער מגיד האט אמאל אריינגערופן דעם יונגסטן תלמיד, דער 'בעל התניא', און אים געזאגט: אין הימל איז געווארן א קטרוג אויף די אידן, ווייל זיי האבן משנה געווען דעם כתב, ביז יעצט האט מען געשריבן אזויווי דער בית יוסף האט גע'פסק'נט, און יעצט האט מען אנגעהויבן שרייבן 'כתב אר"י', ווייל ס'זענען דא פארשידענע חילוקים צווישן כתב אר"י און כתב ב"י, און דאס האט מעורר געווען א קטרוג.

האט דער מגיד געזאגט פארן רב: "איך בעט דיר אז דו זאלסט גוט דורכטון אלע פוסקים און מקובלים, און אויסארבעטן עפעס א גלייכע וועג אזא כתב וואס איז אויסגעהאלטן לויט ביידע שיטות".

דער רב האט אזוי געטון, ער האט גוט מעיין געווען און דורכגעטון אלע צורות האותיות, און אויסגעארבעט א נייער כתב וואס איז נאכנישט געווען פארדעם, וואס ס'שטימט לויט ביידע שיטות.

ווען ער האט געענדיגט איז דער רב געגאנגען מיט דעם נייעם כתב צו זיין רבי דער גרויסער מגיד, און אים עס געוויזן. ס'איז אים זייער געפאלן, ער האט עס מאשר און מכשיר געווען, און צוריקגעגעבן פארן רב, און געבעטן מ'זאל דאס מפרסם זיין פאר די סופרים.

א טאג שפעטער איז דער רב אהיימגעפארן. אינמיטן וועג איז ער דורכגעפארן דער שטאט אניפאלי, און ער איז איינגעשטאנען ביי ר' דוד סופר פון אניפאלי, וועלכער איז געווען פון די תלמידים פונעם גרויסן מגיד, און ער האט אים געוואלט ווייזן דעם נייעם כתב וואס זיין רבי האט געהייסן אויסארבעטן, אז ער זאל אויך אנהייבן פון יעצט און ווייטער צו שרייבן דעם כתב.

צו זיין וואונדער האט ער געזען ווי ר' דוד סופר שרייבט ממש דעם נייעם כתב וואס ערשט נעכטן האט ער דאס געענדיגט אויסארבעטן?! פרעגט אים דער רב: "פון וואו נעמסטו דעם כתב?" האט ער אים געענטפערט: "איך ווייס פון גארנישט, נאר היינט צופרי איז אריינגעקומען צו מיר ר"ר זושא (וועלכער האט געוואוינט אין אניפאלי) און מיר געזאגט: "מ'האט מיר מגלה געווען פון הימל, אז דאס איז די ריכטיגע כתב וואס מ'דארף שרייבן, וויבאלד דאס פאסט לויט אלע פוסקים און די מקובלים צוזאמען", און ר"ר זושא האט מיר אויסגעלערנט וויאזוי דאס צו שרייבן!"

## דעם מאור עינים'ס ספר תורה

דער מאור עינים האט אמאל געבעטן דעם פריערדערמאנטן ר' דוד סופר ער זאל אים שרייבן א ספר תורה, און ער האט זיך אויסגענומען מיט אים אז ער זאל עס שרייבן ביי אים אין שטאט טשערנאביל, און נישט אין אניפאלי.

האט ער געפרעגט פונעם מאור עינים: "וואס וועט זיין מיט פרנסה פאר מיין בני בית?"

האט אים דער מאור עינים געפרעגט וויפיל ער דארף האבן, האט ער געזאגט אז ער דארף א גאלדענע רענדל א וואך. האט אים דער מאור עינים געזאגט, אז זיין ב"ב זאל גיין ביי איר אין שטוב, צום שאנק, דארט וועט זי טרעפן יעדע וואך א גאלדענע רענדל! כך הוה, יעדע וואך האט זי געטראפן דארט א גאלדענע רענדל.

ווען ער האט געענדיגט שרייבן דעם ספר תורה, און ער האט געמאכט א חשבון וויפיל ס'קומט זיך אים, האט דער מאור עינים אראפגערעכנט די אלע רענדלעך וואס זי האט געטראפן יעדע וואך, און ער האט אים געצאלט די איבריגע.

די ספר תורה וואס ער האט געשריבן, ליגט ביים רבי'ן זאל זיין געזונט.

## שרייבן די תורה מיט כשר'ע געלט

ס'שטייט אין שבחי בעל שם, אז דער תשואות חן האט דערציילט: אז אין די צייטן פונעם בעל שם הק' איז געווען א ספר תורה וואס מ'האט כסדר געטראפן טעותים אין דעם. מ'האט עס כסדר מתקן געווען, און וויפיל מ'האט מתקן געווען האט מען געטראפן נאך א טעות. האט מען געטראגן דעם ספר צום בעל שם הק', און דער בעל שם הק' מיט זיין קדושה האט באלד געגעבן א זאג, אז די ספר תורה האט מען געשריבן פון געלט וואס דער בעל הבית וואס האט עס געלאזט שרייבן האט באקומען פון מענטשן וואס האבן געשפילט קארטן - וואס דאס איז נישט קיין כשר'ע געלטער, ממילא וויפיל מ'וועט עס מתקן זיין וועט עס נישט קענען ווערן מתוקן.

פירט ער אויס, כך הוא המוסר, געלט וואס מ'שרייבט א ספר תורה, דארף זיין הייליג און כשר!

## רואה ואינו נראה מיטן ספר תורה

ס'שטייט אין 'חוט המשולש' אז דער חתם סופר איז דאך געווען א תלמיד מובהק פון הגה"ק ר' נתן אדלער. אמאל איז געווען א גזירה אז אלע זילבער וואס מ'האט מוז מען איבערגעבן פאר די מלוכה. ר' נתן אדלער האט געהאט א ספר תורה, וואס אויף די 'עצי חיים' זענען געווען זילבערנע רינגלעך. איינער איז געגאנגען 'מסר'ן פאר די מלוכה אז ער האט זילבער און ער גיבט דאס נישט איבער.

ווען די שליחים פון דער מלוכה זענען געקומען אויפזוכן דעם ספר תורה, האט ר' נתן אדלער שנעל גענומען דעם ספר תורה און אריינגעגעבן אין האנט פונעם תלמיד דער חת"ס, און אים אוועקגעשטעלט אינמיטן שטוב. די שליחים פון די ממשלה האבן געזוכט אין אלע ווינקלען פון שטוב, און זיי האבן גארנישט באמערקט ווי דער חת"ס זיצט מיטן ספר תורה מיט אלע זילבערנע רינגלעך דערויף. [ר' נתן אדלער האט אים געמאכט פאר א רואה ואינו נראה].

ווען דער חת"ס האט דאס דערציילט האט ער אויסגעפירט, אז די עצם מעשה איז נישט אזא פלא, ווייל זיין רבי האט דאס געקענט טון, אבער למעשה איז דאס א גרויסע סכנה צו טון [זיך צו באנוצן מיט שמות הקדושים צו מאכן איינעם פאר א רואה ואינו נראה].

## בעלזא רב'ס ס"ת

איך האב געהערט פון הרה"ח ר' אברהם בראנדער שליט"א, אז דער ערשטער בעלזא רב האט געלאזט שרייבן א ספר תורה, ביי א סופר וואס האט געהייסן ר' נתנאל, אבער די שמות הקדושים האט דער בעלזער רב אליין געשריבן.

שפעטער האט דער בעלזא רב געזאגט: "ס'איז געווען 'מלאכי צבקות ידודון ידודון' - די מלאכים האבן געוואלט אונטערהאקן די פעדער פאר קנאה..."

*

ר' חיים נטע כ"ץ האט דערציילט, אז דער בעלזא רב האט זייער מחשיב געווען דעם ר' נתנאל. ער האט געהאט א שענקל אין ביהמ"ד, און ער פלעגט מיטברענגען אביסל מזונות און בראנפן עפעס צו עסן צופרי, און ער פלעגט בלייבן אין ביהמ"ד. ס'זענען געווען חסידים וואס האבן געהאלטן אז ס'איז א שטיקל יוהרא - גיאות, האבן זיי אמאל אויפגעבראכן דעם שענקל און אויסגעטרונקען די בראנפן.

ווען ער האט עס באמערקט האט ער געזאגט: "איך וועל גיין אויסזאגן פארן רב..." די חסידים זענען געווארן דערשראקן פון

דעם, ווייל זיי האבן מורא געהאט פון א הקפדה פונעם בעלזא רב, זיי האבן דאך געוואוסט אז דער רב איז אים זייער מחשיב. האבן זיי מחליט געווען אז איינער פון די חסידים וועלן שנעל גיין פאראויס צום בעלזא רב און פארציילן.

איינער איז טאקע אריין צום בעלזא רב און גוזאגט: "די חסידים האבן געכאפט נתנאל ביי א גרייז..." בעלזא רב איז דערשראקן געווארן: "א גרייז?"

האט דער חסיד געזאגט: "ער האט געמאכט א סתימה, און זיי האבן געמאכט א פתיחה..."

האט בעלזא רב געזאגט: "איז עס דאך ממש א פסול'ע ספר תורה!"

האט דער חסיד געזאגט: "ניין, ער האט געמאכט א סתימה מיטן פארשפארן זיין מזונות און ברוינפן, און די חסידים האבן עס אויפגעבראכן און געמאכט א פתיחה..." האט זיך דער בעלזא רב צעשמייכלט.

## דער מהרש"א מיטן ספר תורה

ס'שטייט אין 'מאמר מרדכי' פון ר' מאטל סלאנימער, אז אין שטאט אוסטראה וואו דער מהרש"א האט געוואוינט, איז געווען נעבן דעם בית החיים א תיפלה, און ווען ס'האט זיך געמאכט א לויה ל"ע, האט מען געמוזט דורכגיין דעם תיפלה. ווען די גוים פלעגן זען די מטה און די לויה, האבן זיי געקלונגען מיט זייערע גלעקלעך. ס'האט געקענט גיין אזוי ווייט, אז מיט די כוחות הטומאה האבן זיי אוועקגעכאפט דעם נפטר רח"ל.

דער מהרש"א וואס איז דאך געווען רב אין אוסטראה, האט געלאזט צוואה, אז בשעת מ'גייט אים פירן ביי זיין לויה, זאל מען ארויפלייגן א ספר תורה אויף זיין מיטה, און אזוי זאל מען אים דורכפירן דעם תיפלה. אזוי האט מען טאקע געטון נאכן מהרש"א'ס פטירה.

ווען מ'איז אנגעקומען מיט דער מטה צו דער תיפלה, האט זיך דער מהרש"א אויפגעזעצט אין דעם ארון, ער האט געעפנט דעם ספר תורה, און אנגעהויבן ליינען דעם פסוק 'שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו כי חרם הוא'. פלוצלינג האט זיך די ערד אנגעפאנגען עפענען, און די תיפלה האט אנגעפאנגען זינקען, צוויי שטאק זענען געווארן איינגעשלונגען, נאר די דריטע שטאק איז געבליבן, און פון דעמאלס איז די טומאה בטל געווארן.

פירט ער אויס דארט, אז היינט וואוינען אידן אין דעם הויז [אויפן דריטן שטאק], מ'האט אוועקגענומען אלע חפצים פון די גוים און געלייגט כשר'ע מזוזות.

## א שווערע ספר תורה

ס'איז געווען אמאל א הכנסת ספר תורה ביים ערשטן טשארטקובער, וואס די ספר תורה איז געווען א שווערע, איז צוגעגאנגען איינער פון די חסידים און געזאגט: "רבי, ס'איז א שווערע ספר תורה, איך וועל האלטן דעם ספר תורה".

האט אים דער טשארטקובער געענטפערט: "ס'איז נאר שווער איידער מען האלט עס, אז מ'האלט עס שוין, איז עס שוין גארנישט אזוי שווער..."

## מרגיש געווען זיין שורש נשמה

איך וועל מסיים זיין מיט א שיינע ווארט פונעם 'ערוגת הבושם', וואס מיין טאטע [הגה"צ ר' זלמן] ז"ל פלעגט נאכזאגן מיט אזא נעימות און א ברען: ס'שטייט אין פסוק ביים מעמד הר סיני 'וירא העם וינועו'.

ס'ווערט געברענגט פון די קדמונים, אז דאס ווארט ישראל"ל איז ר"ת י"ש ש'שים ר'בוא א'ותיות ל'תורה - אז יעדער איד האט אן אות אין דער תורה, און בשעת מתן תורה האט יעדער איד מכיר געווען און אנערקענט וועלכער אות איז זיין שורש, און אויך דער שורש פון זיין חבר, און ווען דער רבוש"ע האט צאמגעשטעלט אלע אותיות, למשל פון די ווארט '**בראשי"ת**', האבן זיך אויך אלע נשמות אנגעפאנגען רוקן, דהיינו, דער וואס זיין שורש איז געווען פון אות **ב'**, האט זיך געשטעלט נעבן דעם חבר וואס זיין שורש איז געווען פון די אות **ר'**, אזוי ווייטער די **א'**, די **ש'**, די **י'**, און די **ת'**, אזוי אלע אותיות! [זע דעם לעצטן פאראגראף די אויספיר פונעם ערוגת הבושם].

## שורש נשמה פון דער תורה

דער פאפא רב ז"ל-בעל ויחי יוסף, שרייבט אז ס'איז דאך ידוע פון די ספה"ק, אז יעדע איד'ס נשמה האט א שורש פון אן אות אין דער תורה, דער שורש נשמה פונעם אוה"ח הק' איז געקומען פונעם פסוק 'אם בחקותי תלכו', וועגן דעם האט ער אזוי מאריך געווען מיט די מ"ב פירושים.

*

אין תפארת שלמה (לך לך) שטייט אויך דאס וואס מ'האט געשמועסט, אז יעדער איד האט אן אות אין דער תורה, און אלע אותיות פון דער תורה אויב מ'דארף עס פאררעכטן איז דא אמאל וואס מ'מעג עס אויסמעקן, אבער די שמות הקדושים טאר מען חלילה נישט אויסמעקן. זאגט דער תפארת שלמה, אז דער שורש נשמה פון די צדיקים פון יעדער דור קומט פון די שמות פון דעם אויבערשטנ'ס נאמען כביכול, דערפאר טאר מען דעם שורש קיינמאל חלילה נישט מעקן, צוליב די גרויסע קדושה.

## דער איד דארף זיין דומה צו דער תורה

אויך זאגט דער תפארת שלמה (שבועות), אזוויי געשמועסט אז יעדער איד האט א שורש אין די אותיות התורה, און מ'האט אויך געשמועסט אז ס'דארף זיין 'מוקף גבול', איז דאס אויך מרמז אז יעדער איד דארף קוקן נאר אויף זיך, ער זאל נישט קוקן און נישט האבן קיין שום נגיעה צו וואס ער זעט ביי א צווייטן, צי אין ממונות צי אין אנדערע מעלות, מ'דארף זיין מוקף גבול, יעדער דארף קוקן ביי זיך נאר זיינע כוחות, און נאר זיינע זאכן וואס ער דארף מתקן זיין.

דאס איז אויך איינע פון די רמזים אין דעם וואס ס'דארף זיין מוקף גבול, אז ס'זאל נישט זיין קיין שום נגיעה, קיין שום השגת גבול, און נישט מקנא זיין א צווייטן, נישט אין ממונות, און נישט אין אנדערע מעלות וואס א צווייטער האט.

ר' יענקעלע פשעווארסקער האט נאכגעזאגט פונעם שינאווער רב, וואס האט געזאגט אויף זיך, אז זיין שורש נשמה איז פון די נ' הפוכה פון 'ויהי בנסוע', און ער האט געזאגט אז וועגן דעם פארט ער אסאך ארום. פון חת"ס שטייט אויך, אז יעדער איד איז אן אות פון דער תורה, און די תגין פון די אותיות, דאס זענען קעגן די גרים.

*

פירט אויס דער ערוגת הבושם, אז דאס איז פשט אין פסוק: 'וירא העם' - די אידן האבן איינגעזען וועלכער אות ס'איז זיין שורש, 'וינועו' - האבן זיי זיך אנגעפאנגען צו רוקן. פארוואס, ווייל קודם 'ויעמדו מרחוק' - זענען זיי געשטאנען ווייט איינער פון דעם אנדערן, און יעצט האבן זיי זיך מתחבר געווען איינער צום אנדערן אזוויי די אותיות פון די תורה הקדושה.